# שיחות ודברות קודש לפרשת כי תבוא משנת תשע"ג לפ"ק

## אחר שנבחנו תלמידי כיתות ט' של מחנינו 'עדת יראים' בפארקסוויל

יום א' פרשת כי תבוא תשע"ג לפ"ק

**מען** האט ב"ה זייער פיין געענטפערט, און יעצט דארף מען זיך נעמען לערנען. ביז יעצט זענט איר געווען קינדער, און עס איז נאך געווען א תירוץ, אז מען קען נישט. פון יעצט איז שוין נישטא קיין תירוצים. מען דארף אויסטון די קינדער שיך, ווי די וועלט זאגט, און זיך נעמען פלייסיג לערנען. איר זענט יעצט אויך נישט קיין קינדער, איר זענט מחויב אין אלע מצות אין די תורה. אבער סוף כל סוף איז מען דאך אין די תלמוד תורה, און מען פירט זיך נאך אויף אזוי ווי קינדער. מען גייט יעצט ארויס פון תלמוד תורה, און מען גייט לערנען אין ישיבה. עס הייבט זיך אן ביי ענק א נייע התחדשות, דארף מען אנהייבען מיט א פרישען חשק. פארגעסן פון אלעם וואס איז געווען, פארגעסן פון די שטוב, נאר איין זאך זאל מען וויסען, די גמרא.

**מען** דארף מקבל זיין אויף זיך עול התורה, צו לערנען פלייסיג, און וועלן שטייגען און אויסוואקסען. **אז מען ליגט אין לערנען, וואקסט מען אויס א תלמיד חכם. אלע פראבלעמען וואס איז דא צווישן בחורים, מען טשעפעט זיך וכדומה, איז אלעס נאר ווייל מען האט נישט וואס צו טון מיט די צייט, און מען לערנט נישט. אבער אז מען לערנט, קערט זיך אפ אלעס פון ארום און ארום. קיינער האט נישט צוטון מיט א צווייטען.** מען דארף איבערחזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, כדי מען זאל געדענקען וואס מען לערנט. די גמרא (עירובין נד.) זאגט, אז תורה פארגעסט זיך זייער שנעל, אבער אז מען חזר'ט עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל געדענקט מען. עס קומט יעצט א לאנגער בין הזמנים, עס איז נישט געמאכט געווארן אנצוברענגען די צייט, מען דארף יעדן טאג איבערחזר'ן איינס אדער צוויי בלאט גמרא. ווען מען קען עס, איז עס זייער גרינג צו חזר'ן. אז מען קען א פרק, קען מען אין א פאר מינוט אדורכגיין אויסנווייניג די שקלא וטריא פון די גמרא. און אז מען לערנט פלייסיג, וואקסט מען אויס א תלמיד חכם, און א ערליכער יוד.

**און** דער אמת איז, אז עס הייבט זיך נישט אן ביי חזרה. אז מען וויל קענען די חזרה, הייבט זיך עס אן, צו מען הערט אויס דעם שיעור יעדע וואך. אז מען הערט אויס דעם שיעור, און מען פארשטייט די שיעור, האט מען שוין געענדיגט די האלבע ארבעט. טאמער האט מען נישט צוגעלייגט די קאפ בשעת מען האט פארגעלערנט די שיעור, פלאגט מען זיך א גאנצע וואך, ווייל מען פארשטייט נישט דעם ענין וואס מען לערנט. אבער טאמער מען הערט אויס פון אנהייב, בלייבט מען מיט דעם שפעטער, מיט א קלארקייט.

**עבודת** התפלה. מען דארף זיך אויסלערנען צו דאווענען. **מען דארף אסאך בעטן פונעם אייבערשטען, אז מען זאל מצליח זיין אלץ בחור, און מען זאל אויסוואקסען וואס מען וויל אויסוואקסען. עס איז נישטא א זאך, וואס מען קען נישט פועל'ן מיט תפלה.** מען ווערט מיד פון דאווענען, מען מיינט, אז אויב מען האט איינמאל אדער צוויי מאל געבעטן, האט מען יוצא געווען. משה רבינו האט געבעטן פינעף הונדערט תפלות אויף איין זאך, און ער וואלט נאך ווייטער געבעטן, אבער דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (דברים ג-כו), ער האט אים נישט געלאזט ווייטער דאווענען.

**דאווענען מיינט, אז מען קומט אריין אין בית המדרש באצייטענס, און נישט שפעט. און מען הייבט אן צו דאווענען מלה במלה, פון אדון עולם ביז אדון עולם. דאווענען איז א זאך וואס עס איז נישט נאר מיט די מויל, נאר עס איז הארץ. די הארץ איז נאר דארט, ווען א יוד גרייט זיך צו צום דאווענען. ווען מען קומט אין בית המדרש, רעדט מען נישט אויס, נאר מען לערנט פארן דאווענען,**

**און מען דרייט זיך נישט ארום ליידיג. און אזעלכע תפלות איז דער אייבערשטער מקבל.**

**דער** אייבערשטער זאל העלפען, אז איר זאלט האבען אי"ה אסאך הצלחה, און אויסוואקסען תלמידי חכמים, און ערליכע יודען, און שטייגען אין תורה און אין יראת שמים. און ענקערע עלטערן זאלען זעהן ביי ענק, אסאך יודיש נחת. עס קומט א נייער יאר, זאלט איר האבען א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה.

## בסעודת סיום מסכת בישיבת ראחמיסטריווקא

יום ג' פרשת כי תבוא תשע"ג לפ"ק - לאק שעלדריק

**מען** זיצט ביי א סעודת סיום, וואס מען האט מסיים געווען די מסכת, וואס מען האט געלערנט. און עס איז א סיום פונעם זומער דא אין קעמפ, וואס איז ב"ה אדורך געגאנגען ווי עס דארף צו זיין. דארף זיך יעדער באמת מיטפרייען מיט די שמחה. די וואך איז די פרשה פון ביכורים, ווען א יוד האט געזעהן א תאנה וואס איז געווארן רייף, האט ער ארויפגעלייגט דערויף א גמי, און ער האט עס געברענגט פארן אייבערשטען. די מצוה איז מקדש צו זיין די ראשית פארן אייבערשטען, און עס ארויפגעטראגען אין בית המקדש פאר די כהנים.

**אין** די הייליגע ספרים שטייט, אז אין יעדע מצוה ליגט א רמז, וואס מיר דארפען זיך דערפון אראפלערנען. א יוד דארף שטענדיג מקדש זיין די אנהייב פון א יעדע זאך. אזוי ווי ביי תבואה, נעמט מען אראפ די ערשטע פירות פאר ביכורים, און נאכדעם נעמט מען אראפ תרומה, ראשית דגנך, און דורך דעם טוט מען מתקן זיין דעם גאנצען כרי. אזוי איז אויך ביי א מענטשנ'ס לעבן. ביי די יארן וואס דער אייבערשטער גיט אויף די וועלט, איז דא די יונגע יארן, וואס איז די ימי הבחרות, וואס מען געפונט זיך אין די ישיבה, און די טעג דארף מען מקדיש זיין פארן אייבערשטען.

**יעדן** טאג ווען א יוד שטייט אויף, גיט ער אוועק די ראשית פארן אייבערשטען. מען טאר נישט טון קיין שום מלאכה, ביז מען שטעלט זיך דאווענען, און מען לערנט. און נאכדעם גייט מען ארויס צו די ארבעט. ווייל די ראשית דארף זיין קודש לה'. אזוי אויך אין אנהייב פונעם יאר, איז מען מקדש די ראשית. ראש השנה דעם ערשטען טאג פונעם יאר, זיצט מען רוב טאג אין בית המדרש. עשרת ימי תשובה און יום הקדוש איז מען מתפלל און מען דאווענט. דאס אלעס איז ווייל די ראשית השנה דארף מען מקדש זיין פארן אייבערשטען.

**אין** מדרש תנחומא (בפרשתנו) שטייט, אז משה רבינו האט געזעהן אז עס גייט קומען א צייט, וואס ביכורים וועט בטל ווערן. האט ער מתקן געווען, אז מען זאל דאווענען יעדן טאג דריי תפלות, שחרית, מנחה, און מעריב. עס שטייט אין ספרים הק', אז וועגן דעם דאווענט מען די דריי תפלות, ווייל עס איז דא דריי זמנים אין משך פונעם טאג. בוקר, צהרים, און ערב. און מען האט מתקן געווען, אז יעדער אנהייב זאל זיין מיט א תפלה. דער אנהייב פונעם בוקר זאל זיין מיט א תפלה, און דער אנהייב פונעם צהרים זאל זיין מיט א תפלה, און דאס זעלבע איז ביי ערב. אז די ביכורים וועט בטל ווערן, וועט מען דאך נישט האבען קיין סימן אז מען דארף מקדש זיין דעם ראשית. האט ער אנשטאט דעם מתקן געווען תפלה.

**און** דאס דארף מען וויסען, מקדש צו זיין דעם ראשית. די אנהייב פון די יארן פון א מענטש, דארף מען אוועקגעבען פאר תורה. ווען א מענטש גיט אוועק די אנהייב פארן אייבערשטען, דעמאלטס איז זיין גאנץ לעבן א אנדערע סארט לעבן. יעדע מענטש ווערט בדרך כלל נגרר, נאך וואס פאר א בחור'ישע יארן ער האט געהאט. און אז מען האט אויסגענוצט די יארן, פאר תורה און עבודת ה', וואקסט מען אויס א תלמיד חכם, און א

חסידישע יוד, א אוהב תורה ומצות. און אז מען פארלירט די יארן, און מען האט עס נישט אויסגענוצט פאר תורה, מען קען טאקע שטענדיג אנהייבן צו לערנען, אבער מען וואקסט אויס א עם הארץ. און דאס לעבן פון א עם הארץ איז אינגאנצען אנדערש. און דאס זעלבע איז, אויב מען האט זיך נישט אויסגעלערנט צו דאווענען אין די יונגע יארן, דאווענט מען נישט שפעטער. אלעס ווענדט זיך, ווי אזוי מען ניצט אויס דעם ראשית.

**עס** קומט באלד א ראשית השנה, זאל מען קענען אויסנוצען די אנהייב פונעם יאר, פאר תורה און תפלה און עבודת ה'. בתר רישא גופא אזיל (עירובין מא.), אלעס ווענדט זיך, ווי אזוי די ראשית איז. זאל מען קענען ווייטער מצליח זיין, אין תורה און אין יראת שמים. און ענקערע עלטערן, און ענקערע רבי'ס, זאלען זעהן פון ענק אסאך נחת דקדושה. און מיר אלע זאלען האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, בביאת הגואל במהרה בימינו אמן.

## במסיבת סיום מסכת בישיבתינו הק'

יום ד' פרשת כי תבוא תשע"ג לפ"ק - מחנה מתיבתא נחלת יעקב לאק שעלדריק

**מען** גיזעגנט זיך פון אזא שיינעם זומער, וואס מען האט געהאט דא אין קעמפ. מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט, די דערהויבענקייט וואס יעדער בחור האט געפילט ביי זיך, וואס ער איז נתעלה געווארן אין משך פון די לעצטע פאר וואכען. און איך קען זאגען, אז עס איז געווען איינע פון מיינע שענסטע זומער'ס, וואס איך האב געהאט דא אין קעמפ, די אלע יארן. ב"ה מען איז געזעסן און געלערנט פלייסיג, און מען האט זיך שיין אויפגעפירט. עס איז מיט קיינעם נישט געווען קיין שום פראבלעם, אין משך פונעם גאנצען זומער.

**די** וואך איז די פרשה פון ביכורים, ווען א יוד האט באקומען זיין נחלה אין ארץ ישראל, האט ער געדארפט נעמען די ערשטע פון זיינע פירות, און עס ארויפטראגען פארן אייבערשטען. און ער האט געזאגט א הודאה פארן אייבערשטען. ער האט געדאנקט דעם רבונו של עולם, כי באתי אל הארץ, אז איך בין אריינגעקומען קיין ארץ ישראל. איך האב מיטגעמאכט אין מצרים, און דער באשעפער האט געהאלפען, אז מען איז געקומען דא צו א ארץ נושבת. און איך דאנק דעם אייבערשטען, אז ער האט מיר געגעבן די פעלד מיט פירות, און איך ברענג די פירות פאר די כהנים. און רש"י זאגט, ער דארף זאגען פארן אייבערשטען, איך בין נישט קיין כפוי טובה. איך דאנק דעם אייבערשטען אויף דעם גוטס, וואס דער באשעפער האט געטון, און איך טוה נישט פארלייקענען, דעם גוטס וואס דער באשעפער האט געטון.

**מען** האט שוין מערערע מאל גערעדט, פון די שיינע מידה פון הכרת הטוב. א יוד דארף מכיר זיין, און פילען, די גוטס וואס ער האט באקומען, און דאנקען דערויף. איך פארשטיי, אז פון די בחורים'ס זייט, איז די הכרת הטוב, פארן חשובען ראש ישיבה זאל זיין געזונט, אויף די שיינע שמועסן וואס מען האט געהערט. און אויף דעם וואס דער ראש ישיבה זאל זיין געזונט, האט יעדן שבת איבערגעלאזט די שטוב, און געגעסן מיט די בחורים, כדי מען זאל האבען א שיינע און ווארימע שבת. יעדער איז מכיר טוב פארן חשובען מנהל, וואס האט אריינגעלייגט איבערמענטשליכע כוחות, ביז ער האט ארויפגעברענגט יעדעם איינעם צו זיין מדרגה. פאר די מגידי שיעורים, וואס האבען זיך עקסטער איבערגעגעבן פאר די בחורים. איך שטעל מיך פאר, אז פון די מגידי שיעורים'ס זייט, און פון אונזער זייט, מיר זענען אויך נישט קיין כפוי טובה פאר די תלמידים, וואס האבען זיך אזוי שיין אויפגעפירט אין משך פונעם זומער. און מיר אלע געבען אפ, א שבח והודיה פארן אייבערשטען, אויף דעם וואס איז אדורך. און מען בעהט אויף ווייטער, אז אזוי שיין ווי מען האט זיך אויפגעפירט דעם זומער, זאל מען זיך אויפפירן דעם בין הזמנים, און דעם קומענדיגן זמן.

**איך** בין היינט צופרי' נאכען דאווענען געווען באזוכען יודען, וואס זענען ליידער איינגעשפארט אין א תפיסה, אויף יארן לאנג. די מוסר השכל וואס איך האב ארויסגענומען פון דארט איז, אז אסאך מאל, מיט איין עבירה וואס מען האט געטון, קען מען האבען א עונש, צו זיצען אין תפיסה אויף יארען לאנג. מען האלט פאר א יום הדין, וואס יעדער מענטש קען זאגען פאר זיך, מיט וואס ער האט זיך פארזינדיגט פארן אייבערשטען. אין די ווידוי פון רבינו נסים איז אויסגערעכנט, וויפיל א מענטש גייט אדורך אינעם לעבן, און וואס ער טוט אלץ, און אויף יעדען טריט און שריט פאלט מען ליידער אדורך. ווען א מענטש מאכט א חשבון, עס קומט ראש השנה, און מען דארף אפגעבען דין וחשבון אויף וואס מען האט געטון אינעם משך פונעם גאנצען יאר. ווען מען זעהט ביי דיני בשר ודם, אז פאר איין חטא קען זיך צוזאם קלויבען אזויפיל עונשים, און א יעדע עבירה האט אין זיך כמה פרטים. און פאר יעדע פרט אין די עבירה, גיט מען עקסטער צו צום עונש. אז מען טוט די עבירה אזוי און אזוי, באקומט מען פאר א יעדע זאך, נאך א פאר חדשים צו זיצען. וואס יעדען טאג וואס מען איז דארט, לעקט מען נישט קיין האניג. לערנט מען זיך אראפ א געוואלדיגע מוסר השכל, ווי אזוי א יוד דארף זיך צוגרייטען צום יום הדין.

**אבער,** ביי דיני אדם איז נישטא קיין ברירה, אז מען האט געזינדיגט, נוצט נישט קיין תשובה, מען קען נישט זאגען 'איי עם סארי', נאר דו דארפסט אפקומען דיין עונש. מיר דארפען דאנקען דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער איז פותח יד לקבל שבים. עס קומט די הייליגע טעג, און א יעדער יוד קען זיך אויסבעטן, און זיך איבערבעטן מיטן אייבערשטען, און אנהייבען א נייעם לעבן.

**עס** שטייט אין **חרדים** (סו:), אז א בית המדרש איז א גן עדן פאר צדיקים, און עס איז א תפיסה פאר רשעים. א ערליכער יוד, א צדיק, פריידט זיך אז ער איז אין בית המדרש. ער האט א הנאה פון לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבערשטען. אבער פאר איינעם איז עס אסאך מאל א תפיסה. מען האט מיר איינגעשפארט דא, איך האב נישט קיין ברירה, מיין טאטע האט מיר געשיקט אין ישיבה, איך מוז זיצען אין ישיבה, און איך קען נישט ארויסגיין פון דא. איך טאר נישט גיין, איך טאר נישט קומען, איך טאר נישט גיין דא, און איך טאר נישט גיין דארט. ער זאל קוקען ווי אזוי מען דארף גיין אין תפיסה. עס האט מיר געזאגט א יוד דארט, אז ווען מען גייט ארויס פון צימער, דארף מען גיין מיט די הענט פון אינטען, און מיטן קאפ אראפ. מען טאר זיך נישט אומקוקען ארום און ארום. און טאמער מען הייבט זיך אויף די קאפ, באקומט מען א קלאפ. בייג דיר אראפ די קאפ. און מען האלט עס אויס. מען קען ליידער זיצען אזוי' יארען. און וואס בעהט מען שוין פון א בחור, מען בעהט נישט קיין גרויסע זאכען, מען קען גיין שפאצירען, מען איז נישט איינגעשפארט אין א שטוב. דארט זיצט מען גאנצען טאג איינגעשפארט אין א צעל, איין מענטש אליין. נאר צום דאווענען קען ער אריינגיין אין בית המדרש, אדער ווען עס קומט א וויזיטער קען ער ארויס קומען. אבער רוב טאג זיצט מען איינגעשפארט פאר זיך.

**וואס** טוט ער איבערן טאג? וואס קען ער טון, דא הייבט ער אן משלים צו זיין, וואס ער האט נישט געלערנט אין ישיבה. ער הייבט אן מעביר סדרה צו זיין, ער הייבט אן צו לערנען מסכת ברכות וכדומה. מען דארף נישטווארטען ביז מען קומט אן אהין, און דארט זאל ער האבען צייט צו לערנען. מען דארף זיך פרייען, אז מען קען זיצען אין א גן עדן, און עוסק זיין בתורה, ווי חשוב דאס איז.

*

**מען** קומט יעצט אהיים. מען דארף וויסען, לפתח חטאת רובץ (בראשית ד-ז), דער יצר הרע ווארט ענק שוין אפ ביי די וואשינגטאנ"ן ברידז"ש. און פון דארט הייבט ער אן צו באגלייטען יעדן איינעם. ביזט אהיים געקומען, יעצט איז נישטא קיין ישיבה א פאר טאג, נאכדעם קומט בין הזמנים, ער האט שוין א

גאנצען פלאן אויסגעשטעלט, וואס ער וויל מיט דעם בחור טון. מיר דארפען וויסען, אז די נסיונות זענען זייער גרויס, און אונזער פלאץ איז נאר אין בית המדרש. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). זיך יעצט פאַרנעמען, אז מען וועט זיך אין ערגעץ נישט דרייען, נאר זיין אדער אינדערהיים, אדער אין בית המדרש. איך האב נישט קיין שום שייכות מיט די גוי'שע גאס. נישט האבען קיין שייכות מיט א שלעכטע חברותא. מיט די חברים דא דארף מען זיך חבר'ן, ב"ה עס איז א גוטע חברותא. אבער מיט שלעכטע חברים, וואס עס האט נישט צוטון מיט לערנען, זאל מען נישט האבען קיין שייכות. איין קלייניגקייט קען אמאל פארווארפען א בחור אין שאול תחתית. און מען דארף זיך היטן דערפון.

**עס** קומען די טעג פון חודש אלול, וואס מען דארף מתפלל זיין, און בעטן רחמים ותחנונים פונעם אייבערשטען. איך זאג אלץ, אז א בחור בין הזמנים, דארף זיין מיט די זעלבע סדר וואס ער איז אין ישיבה. נאר אין די ישיבה דארף ער קומען מיט א עול, ווייל עס איז דא א מגיד שיעור וואס שטייט אויפן קאפ. און יעצט גיט מען אים א חודש, ער זאל פראבירן פאר זיך אליין, אז ער זאל זיך פירען אויפן זעלבען וועג. אבער זיין סדר דארף זיין, אזוי ווי אין ישיבה. זיך לייגען שלאפען באצייטנס, און אויפשטיין באצייטענס. נעמען א חברותא, און זיצען אין בית המדרש און לערנען.

**איך** פארשטיי אז יעדער וואס גייט אהיים, גייט אהיים גוט אויפגעלייגט פונעם זומער וואס ער האט געהאט. און מיט א ציל ווייטער ממשיך צו זיין אויף דעם וועג, אז מען זאל קענען שפעטער אויך שטייגען. וויל איך נאר וואונטשען, אז חפץ ה' בידכם יצליח, מען זאל האבען הצלחה ווייטער אויך. און קענען ממשיך זיין וואס יעדער איינער פון אונז וויל, אויסוואקסען און שטייגען אין תורה, און אין עבודת ה'. דער באשעפער זאל געבן, אז עס זאל נתקבל ווערן אלע תפלות וואס מיר בעטן, לרחמים ולרצון. און מיר זאלען אלע האבען א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה. און מיר זאלען זוכה זיין, צו א שנת גאולה וישועה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.